**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט פינאנצירונג פאר SUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס צו צוגרייטן העלט קעיר ארבעטסקראפט, נאכקומען גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון סטודענטן

***8 מיליאן דאלארדיגע העכערונג פאר אפעראציעס אין דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט צום ערשטן מאל אין ניין יאר***

***SUNY טשענסעלאר קינג האט זיך אנגעשאלסן מיט ברום און בינגעהעמטאן פירער, סטודענטן, איינגעשטעלטע, ערוויילטע בעאמטע און ביזנעס שותפים צו אדרעסירן די באדייטנדע אינוועסטירונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 8 מיליאן דאלאר אין איבערחזרנ'דע יערליכע פינאנצירונג פאר די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק'ס (State University of New York, SUNY) 30 קאמיוניטי קאלעדזשעס — די ערשטע העכערונג אין נאענט צו צען יאר — צו פאראויס שטופן העלט קעיר און גייסטישע געזונטהייט ציהלן פאר ניו יארק סטעיט און פאר די SUNY סיסטעם. 5 מיליאן דאלאר וועט גענוצט ווערן צו שטיצן אינוועסטירונגען דורך קאמיוניטי קאלעדזשעס צו פארמערן די צאל איינגעשריבענע סטודענטן און צאל וואס פארענדיגן העלט קעיר עדזשוקעישען פראגראמען, שטיצנדיג די גאווערנער'ס ציהל פון פארגרעסערן די סטעיט'ס העלט קעיר ארבעטסקראפט מיט 20 פראצענט אין לויף פון די קומענדיגע 5 יאר. די איבעריגע 3 מיליאן דאלאר וועט גענוצט ווערן צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר SUNY סטודענטן — א זאך וואס ווערט כסדר אנגעוויזן אלס א קריטישע נויט אויפן קאמפוס.

"די אינוועסטירונג אין אונזערע קאמיוניטי קאלעדזשעס איז נאך א מאסיווע אונטערנעמונג צו אויפבויען די בעסטע עפנטליכע עדזשוקעישען אינסטיטוציע אין דאס לאנד, ערפילנדיג די באדערפענישן פון אונזערע סטודענטן צו קענען מצליח זיין אין דזשאבס פאר וועלכע די פארלאנג איז הויך אריבער אונזער סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זיין א פירער אין העלט קעיר איז קריטיש פאר ניו יארקער, און די פינאנצירונג שטעלט אוועק מער סטודענטן צו קענען מצליח זיין מיט שטארקע אקאדעמישע פראגראמען און הילפס-מיטלען פאר זייער אייגענע גייסטישע געזונטהייט און וואוילזיין."

**סטעיט סענאטארשע טאָוביען סטאוויסקי האט געזאגט,** "די פינאנצירונג וועט העלפן פארמערן איינשרייבונג דורכן אינוועסטירן אין די וואקסנדע נויט פאר העלט קעיר ארבייטער. די SUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס וועלן האבן די געלעגנהייט צו אויסבילדן סטודענטן אין א פעלד וואס נויטיגט זיך אין א געבילדעטע ארבעטסקראפט צו העלפן רעדוצירן פארגעשאצטע מאנגלען [אין ארבייטער]. אלע ניו יארקער וועלן בענעפיטירן."

**אסעמבלי מיטגלידערין פעטרישע פעיהי האט געזאגט,** "אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטי קאלעדזשעס מיינט אינוועסטירן אין אונזערע קאמיוניטיס אריבער ניו יארק און אין די הצלחה פון

סטודענטן. אלס די ערשטע דור פון מיין פאמיליע צו גראדואירן פון קאלעדזש, איז קאמיוניטי קאלעדזש געווען קריטיש אין מיין וועג צו באקומען א העכערע בילדונג, און עס שפארט אויף די טירן פאר טויזנטע סטודענטן יעדעס יאר, באזונדערס די וועלכע קומען פון שוואכערע הונטערגרונטן און פון אזעלכע הונטערגרונטן פון וואו ווייניגער גייען טראדיציאנאל אין קאלעדזש. די היי-יאריגע העכערונג אין פינאנצירונג שפיגלט אפ די וויכטיגע ראלע וואס קאמיוניטי קאלעדזשעס שפילן דא אין ניו יארק סטעיט, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט מיין קאלעגין, סענאטארשע טאָובי ען סטאוויסקי, און מיט אנדערע צו פארזעצן מיט די פארשריט און פארזיכערן ווייטערע הילף אין די צוקונפט."

SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוּניאר האט געפייערט די באדייטנדע אינוועסטירונג אין קאמיוניטי קאלעדזשעס מיט א באזוך צו SUNY ברוּם'ס Decker Health Science Center. SUNY ברוּם וועט אינוועסטירן איר צוטיילונג פון $450,000 צו אויסברייטערן איר נורסינג עדזשוּקעישען פראגראם צו אריינגעמען 45 פראצענט מער סטודענטן יעדעס יאר – פון 132 די לעצטע אקאדעמישע יאר ארויף צו 192 סטודענטן ביז 2026-2027 – און אזוי אויך צו אויפנעמען א קעיס מענעדזשער וואס וועט זיך קאנצענטרירן אויף די גייסטישע געזונטהייט באדערפענישן פון סטודענטן.

**SUNY טשענסעלאר, דזשאן ב. קינג דזשוּניאר, האט געזאגט,** "העכערע סטעיט אינוועסטירונג אין SUNY'ס קאמיוניטי קאלעדזשעס וועט אנגרייטן סטודענטן פאר העלט קעיר קאריערעס פאר וועלכע די פארלאנג איז הויך – העלפנדיג אנפילן א קריטישע מאנגל – און אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס צו פארמערן די וואוילזיין און הצלחה פון סטודענטן. איך דרוק אויס מיין דאנקבארקייט צו גאווערנער האקול און פאר די סטעיט לעגיסלאטור פאר זייער אנגייענדע אינוועסטירונג אין די הצלחה פון SUNY און די סטודענטן וועם מיר דינען, און למעשה די הצלחה פון אונזער גאנצע סטעיט."

**SUNY באורד טראָסטי, עריק קארנגאלד, האט געזאגט,** "מיר מוזן נעמען פאראויסיגע שריט זיך צו באגיין מיט די מאנגל אין העלט קעיר ארבייטער צו פארזיכערן שטאנדהאפטיגע קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר די פאציענטן פון ניו יארק און פאר צוקונפטיגע דורות אויף ווייטער. איך בין שטאלץ צו דינען אלס מיטגליד פון די SUNY באורד אָוו טראָסטיס אזוי ווי מיר זעצן פאר צו טרעפן לייזונגען צו אדרעסירן טייל פון די גרעסטע אנגעלעגנהייטן וואס אפעקטירן אונזערע סטודענטן און אונזער סטעיט."

**SUNY באורד טראָסטי, ראבערט דאָפי, האט געזאגט,** "מיט אנגייענדע פינאנציעלע שטיצע פון גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור, וועלן מיר פארזעצן צו טרעפן וועגן צו פארשטערקערן צוטריט צו די העלט קעיר ארבעטסקראפט און צו אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט זארגן אויפן קאמפוס, דאס אלעס בשעת'ן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו אן אפאָרדעבעל עפנטליכע העכערע בילדונג פון א הויכע קוואליטעט."

**SUNY ברוּם קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט און מיטגליד פון 'צוקונפט פון העלטקעיר ארבעטסקראפט איינהייט', טאָוני האָוקינס, האט געזאגט,** "SUNY ברוּם שפילט א גאר קריטישע ראלע ביים טרענירן העלט קעיר פראפעסיאנאלן וועלכע גייען ווייטער צו טוהן פון די געזעלשאפט'ס מערסט וועזנטליכע ארבעט אין מעדיצינישע איינריכטונגען אריבער די סטעיט. מיר באדאנקען די SUNY סיסטעם פאר די געלעגנהייט צו צושטעלן פאר מער צוקונפטיגע נוירסינג סטודענטן צוטריט צו די קאלעדזש'ס אויסערגעוועונטליכע און גאר באגערטע נוירסינג פראגראמען און למעשה צו העלפן פארגרינגערן די אנגייענדע מאנגל אין העלטקעיר ארבייטער. מיר זענען אויך טיף דאנקבאר צו האבן די מעגליכקייט צו אויסברייטערן אונזערע גייסטישע געזונטהייט מיטלען, אזוי ווי עס איז נישטא קיין גרעסערע פריאריטעט פאר אונז ווי די גייסטישע, געזעלשאפטליכע און עמאציאנאלע וואוילזיין פון אונזערע סטודענטן."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו האט געזאגט,** "אונזער נעטווארק פון SUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס איז די פאסיגסטע פלאץ וואו צו דורכפירן די סטעיט'ס ארבעטסקראפט אנטוויקלונג איניציאטיוון. זיי שטייען גרייט צו אויסברייטערן טרענירונג געלעגנהייטן אין העלטקעיר און אין אנדערע קריטישע פעלדער מיט מאנגלען אין ארבייטער. די נייע פינאנצירונג וועט שטיצן SUNY ברום'ס אויסגעצייכנטע העלטקעיר בילדונג פראגראמען בשעת'ן אויך צושטעלן נויטיגע גייסטישע געזונטהייט הילפס-מיטלען פאר סטודענטן. איך וויל באדאנקען טשענסעלאר קינג פארן פארברענגען צייט מיט אונז היינט ארויסהייבנדיג די וויכטיגקייט פון אונזערע קאמיוניטי קאלעדזשעס."

**אסעמבלי מיטגליד דזשאָו ענדזשעלינאָו האט געזאגט,** "די מאנגל אין העלט קעיר ארבייטער איז א פראבלעם פאר יעדן איינעם אין ניו יארק, און מיר מוזן טוהן אלעס אין אונזערע הענט צו העלפן צוציהען מער מענטשן צו די העלט קעיר פעלד. אינוועסטירן צו אריינברענגען אונזערע יונגע מענטשן איז א גאר גוטע נוצן פאר אונזערע מיטלען. איך בין אויך אזוי דערפרייט צו זעהן אז זיי אדרעסירן דעם גייסטישע געזונטהייט קריזיס וואס קומט פאר איבער דאס לאנד און אין ניו יארק."

<u>**העלטקעיר ארבעטסקראפט אינוועסטירונגען**</u>

צו נאכקומען גאווערנער האקול'ס אמביציעזע ציהל און ארבעט צו טרעפן לייזונגען צו אדרעסירן די מאנגל אין העלט קעיר פראפעסיאנאלן, האט SUNY צוזאמגעשטעלט די "צוקונפט פון העלט קעיר ארבעטסקראפט איינהייט" (Future of Health Care Workforce Task Force) וואס קאנצענטרירט זיך אויף צו אויסברייטערן SUNY'ס קאפאציטעט פאר עדזשוקעישען אין העלט קעיר פעלדער, פארשטערקערן די עדזשוקעישען פראגראמען און וועגן צו א קאריערע פאר סטודענטן וואס זענען אינטערעסירט אין העלט קעיר און אריינברענגען נייע געדאנקען און מאכן עדזשוקעישען שטימען מיט וואס די העלט קעיר אינדוסטריע דארף.

יעדע קאמפוס וועט באקומען א מאקסימום פון $350,000 מיט א מינימום גרענט פון $75,000 ארויס פון די 5 מיליאן דאלאר אין איבערחזרנ'דע העלט קעיר ארבעטסקראפט אינוועסטירונגען, וואס וועט העלפן SUNY'ס קאמיוניטי קאלעדזשעס:

- אויפנעמען איינגעשטעלטע און אויסברייטערן אדער אוועקשטעלן נייע העלטקעיר פראגראמען;
- בארייכערן פלעצער צו מאכן סימולאציעס (אויסגעשפילטע מצבים);
- אוועקשטעלן נייע שותפות'ן/עדזשוקעישען פראגראמען צוזאמען מיט אנדערע SUNY קאמפוס געזונטהייט פראגראמען; און
- שאפן שותפות'ן צווישן די קאמפוסן און די קאמיוניטיס וועם זיי באדינען, אריינרעכענענדיג מיט היי סקולס, לאקאלע ארגאניזאציעס, BOCES און אזוי אויך שותפות'ן צווישן די קאמפוס און ארבעטסגעבער.

<u>**גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען**</u>

גייסטישע געזונטהייט איז א באדייטנדע שוועריגקייט פאר פילע קאלעדזש סטודענטן אריבער דאס לאנד און אין SUNY. [די 2023 יערליכע נאציאנאלע Healthy Minds Survey (געזונטע מוחות אנקעטע)](), וואס פרעגט אויס קאלעדזש סטודענטן, האט באריכטעט אז סטודענטן מוטשענען זיך מיט דעפרעסיע אויף א ראטע פון 41 פראצענט און ענקזייעטי — 36 פראצענט. אומגעפער צוויי דריטל פון SUNY קאמיוניטי קאלעדזשעס האבן יעצט קאונסעלינג צענטערן, און טייל באנוצן זיך מיט קאונסעלינג סערוויסעס דורך די טעלעפאן כדי צו פארגרינגערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר און צו אדרעסירן לאקאלע מאנגלען אין גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן.

יעדע קאמיוניטי קאלעדזש וועט באקומען $100,000 יערליך פון די 3 מיליאן דאלאר אין גייסטישע געזונטהייט אינוועסטירונגען צו:

- אויפנעמען נייע גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן און איינגעשטעלטע;
- צושטעלן נייע- אדער אויסברייטערן ווירטואלע געזונטהייט קאונסעלינג אונטערנעמונגען דורך די טעלעפאן;
- צושטעלן וואוילזיין איניציאטיוון אריינגעבויט אין ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און/אדער קאלעדזש-צו-קאריערע אריבערגאנג פראגראמען; און
- אנטוויקלען אדער בארייכערן איניציאטיוון צו אוועקנעמען די סטיגמע אויף דאס זיך ווענדן פאר גייסטישע געזונטהייט שטיצע.

**<u>איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק</u>**

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק, איז די גרעסטע ארומנעמיגע סיסטעם פון העכערע בילדונג אין די פאראייניגטע שטאטן, און מער פון 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון איינע פון SUNY's 64 קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איבערן סיסטעם, האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט' צענטערס, פינף שפיטעלער, פיר מעדיצין שולעס, צוויי דענטאל שולעס, א געזעץ שולע, די לאנד'ס עלטסטע ים-פלאטע שולע, די סטעיט'ס איינציגע קאלעדזש פון אפטאמעטריע, און פירט איין US דעפארטמענט או ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.4 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזעהן אויף קרוב צו א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן אריבער די גאנצע סיסטעם זענען קרוב צו 1.1 ביליאן דאלאר אין די פיסקאלע יאר 2023, אריינרעכענענדיג באדייטנדעביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען דא איבער דריי מיליאן געוועזענע SUNY סטודענטן ארום די וועלט, און איינס פון יעדע דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דעגרי האט געלערנט אין SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](www.suny.edu).

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]()